# צוואַנציק יאָר יידיש טעאַטער

## אין טאַרטו




טאַרטו 1937

# איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פון טארטוער דראמאטישן קרייז פאר די צוואנציק יאר פון זיין עקסיסטענץ.

אין 1917-טן יאר, נאך דער רוסישער רעוואליוציע, בעת די יידן אין רוסלאנד האבן באקומען די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן קולטורעל-וועלטלעך, האט זיך אין טארטו (דענסטמאל נאך יוריעוו) געגרינדעט דער „יידישער דעמאקראטישער קרייז", בראש פון וועלכן ס'איז געשטאנען ד"ר י. פאיענסאן.

דער ציל פון דעמאקראטישן קלוב איז געווען צו הייבן און פארשטארקן דעם קולטורעלן מצב פון די ברייטע שיכטן פון די טארטוער יידישער באפעלקערונג.

גלייכצייטיק מיטן גרינדן פון דעמאקראטישן קלוב האט פריינט י. פאיענסאן געגרינדעטביים קלוב די דראמאטישע סעקציע.

איר ציל איז געווען א דאפלטער: פון איין זייט — צו באקענען די יידישע מאסן מיט די שאפונגען פון די יידישע דראמאטורגן, פון דער אנדער זייט — ארגאניזירן און קינסטלעריש פארפולקומען די ליבהאבער פון אן ערנסטן יידיש טעאטער.

זייענדיק אין אנהייב שוואך אין כוחות, - הן אין כמות, הן אין איכות —, האט די דראמאטישע סעקציע זיך באגניגנט מיטן שטעלן קלענערע סצענישע ווערק. אזוי למשל, האט די דראמאטישע סעקציע בא דער פייערלעכער דערעפנונג פון קלוב אויפגעפירט „א דאקטאר" פון שלום-עליכם.

ס'דויערט אבער ניט לאנג און די סעקציע פארמעסט זיך שוין אויפצופירן גרעסערע ווערק פון יידישן דראמאטישן רעפערטואר.

כדי דאס צו דערמעגלעכן, ארגאניזירט דער פארשטאנד פון דראמאטישן קלוב בא דער דראמאטישער סעקציע א באזונדערע סטודיע, אוואו מען נעמט דורך גרים, דיקציע, רעזשי א. א. וו. עס הויבט זיך אן אן אינטענסיווע, פרובטבארע ארבעט, געקריינט מיט דערפאלג.

אין 1918 האט די דראמאטישע סעקציע אויפגעפירט כמעט דעם גאנצן רעפערטואר פון י. גארדין. שפעטער אהין, ווען די מיטגלידער פון דער דראמאטישער סעקציע האבן שוין דורכגעמאכט א געוויסע אנטוויקלונג, ווען זיי האבן זיך שוין באקענט און פארטיפט אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, הייבן זיי אן צו זוכן נייע וועגן און צו שטעלן ווערק פון אונדזערע קלאסיקער, ווי שלום עליכם, שלום אש, פרץ הירשביין און אנדערע.

ס׳מוז דא דערמאנט ווערן צום כבוד און רום פון דער דראמאטישער סעקציע, אז זי האט קיינמאל ניט אראפגענידערט פון די וועגן און ריכטונג, וועלכע ס׳האט איר אנגעצייכנט איר גרינדער און פירער — פריינט פאיענסאן.

די סעקציע איז ניט פעשטרייכלט געווארן מיט „סענסאציע און שונד״ פיעסן, ווי למשל „בינקע פינקע״, „דער לעצטער טאנץ״ א. א. „ווערק״ מיט וואס מען „שפייזט״ נאך איצטער, צום באדויערן, דעם עולם אין פארשיידענע יידישע מקומות.

דעם גייסט פון דער דראמאטישער סעקציע האבן באהערשט פאראנטווארטלעכקייט, ערנסטקייט און שטרייננגע קריטיק צו זיך אליין און צו די ווערק, וואס זיינען אויפגעפירט געווארן.

אזוי האבן די מיטגלידער פון דער דראמאטישער סעקציע געארבעט מיט ליבע און איבער־געבנקייט צו דער זאך און געשאפן, אף וויפיל די באשריינקטע כוחות עס דערלאזן.

נאכדעם, ווי דער דעמאקראטישער קלוב האט זיך, צוליב פארשיידענע סיבות, פאראייניגט מיטן דעמאלסטיקן פאריין „אחדות״ און ס׳איז אנטשטאנען דער נייער פאריין „פרץ־פאריין״, האט די דראמאטישע סעקציע זיך אנגעשלאכן צום „פרץ פאריין״.

האבנדיק אין לאקאל פון „רעסורסע״, וואו דער פאריין האט געהאט זיין דירה, א גרויסע און באקוועמע בינה, האט די דראמאטישע סעקציע פארברייטערט איר טעטיקייט און אויפגע־פירט א גאנצע ריי פון גרויסע דראמעס, קאמעדיעס און אפילו אפערעטעס. אזוי האט זיך געצויגן די טעטיקייט פון דער סעקציע ביז דער פרץ־פאריין האט זיך צוליב פארשיידענע סיבות, ליקווידירט.

מיט דער ליקווידאציע פון פרץ־פאריין איז אנטשטאנען פאר דער דראמאטישער סעקציע א שווערע קריטישע צייט. א טייל האט פארלאזן די סעקציע, א טייל ווידער, איז אפגעפארן פון טארטו און דער איבערגעבליבענער טייל האט ניט געהאט קיין דירה וואו צו רעפעטירן, ניט קיין סצענע וואו צו שפילן.

נישט געקוקט דערוף, האבן זיך איינגעפונען איינציקע עקשנים, אקטיווע מיטגלידער פון דער סעקציע, וועלכע האבן זיך ניט אפגעשראקן פאר די שוועריקייטן און ווייטער געפירט בא די אומגינסטיקשטע באדינגונגען די פאראנטווארטפולע ארבעט.

אן דער הילף פון וועלכן ניט איז פאריין, אן דער הילף פון דער געזעלשאפט, אנגע־וויזן אינגאנצן אף זיך אליין, האבן דאך די מיטגלידער פון דער געוועזענער דראמאטישער סעקציע איינגעשטודירט פיעסעס און דערנאך זיי אויפגעפירט אף דער סצענע, אין געדונגענע לאקאלן.

ס׳איז כדאי צו באמערקן, אז צו דער צייט איז דער אלגעמיינער יידישער געזעלשאפט־לעכער לעבן געוועזן כמעט ווי אפגעשטארבן. די יידישע געזעלשאפט לא די, וואס זי האט ניט מיטגעהאלפן דעם דראמאטישן קרייז אין זיינע אונטערנעמונגען מיט אקטיווע הילף, האט זי נאך ארויסגעוויזן אזא קאלטע באציאונג צו די פארשטעלונגען גופא, אז זי האט געקענט דערמיט לייכט אפנעמען דעם חשק בא יעדן איינציקן בכלל צו וועלן שפילן יידיש טעאטער. אזוי, למשל, האט געטראפן, אז דער דראמאטישער קרייז האט געשפילט בא 15 צושויער בלויז! און דאך — ניט געקוקט אף דער אומגלויבלעכער קאלטער באציאונג מצד דעם פובליקום, ניט געקוקט אף אט די

פארשיידענע שוועריקייטן, האבן די מיטגלידער פון קרייז זיך ניט אפגעשראקן, האבן ניט פארלארן זייער מוט און זיינען געבליבן אף זייערע פאזיציעס! יעדער מיטגליד פון קרייז, באזונדערש א דאנק דער אומדערמידלעכער ארבעט פון פריינט מ. ש. כאסין, האט געטאן זיין חוב, זיך אפגעגעבן בלב ונפש דער ווילנער ארבעט, וואס ...

אין היינט, בעת דער דראמאטישער קרייז פייערט זיין 20 יאריקן יובל, קען ער מיט שטאלץ און צופרידנקייט ווארפן א בליק אף זיין פארגאנגענהייט, אף דער גרויסער און באמת וויכטיקער קולטור ארבעט, וואס ער האט דורכגעפירט בא די שווערסטע באדינגונגען אין משך פון אט די 20 יאר.

אן ערך 100 פארשיידענע פיעסן, זיינען אויפגעפירט געווארן אין משך פון דער צייט, 80 אנטיילנעמער אין דער ארבעט פון קרייז זיינען עדות פון זיין רייכער פארגאנגענהייט!

לאמיר האפן, אז די טארטוער יידישע געזעלשאפט וועט פארשטיין אפצושאצן אט דעם וויכטיקן קולטורעלן פאקטאר, לאמיר האפן, אז דער יידישער געזעלשאפט וועט איצט געלינגען צו שאפן אן ארגאניזירטע יידישע אנשטאלט, וועלכע זאל דערמעגלעכן דעם דראמאטישן קרייז אן אינטענסיווע, פרוכטבארע און רעגולערע סצענישע טעטיקייט, לאמיר אפצאלן דעם דראמאטישן קרייז אונדזער געזעלשאפטלעכן חוב און אים פארהעלפן אף זיין שווערן און פאראנטווארטפולן וועג

ד״ר נתן גענש.



ד״ר י. פאיענסאן

גרינדער פון דראמאטישן קרייז און ערשטער רעזשיסער.



ד. ל. שומאקאוו

רעזשיסער פון 1920 ביז 1926.



מ. ש. כאסין

מיטגרינדער פון דראמאטישן קרייז

רעזשיסער פון 1926 ביז 1937



ל. קאצין



ל. קאצין
,,חוה״ אין שלום־עליכמ׳ס
,,טביה דער מילכיקער״



פ. שור



ז. מורשאק



א. כאסין



**א. צענציפער**

געוועזן איינע פון די איבערגעבנסטע און
באגאבטעסטע מיטגלידער פון דראמ. קרייז



**י. קאצעוו**

„האדעס״ אין אסיפ דימאוו׳ס
„דער זינגער פון זיין טרויער״



ש. גוטין



מ. בולקין



מ. ש. כאסין
„יענקל בוילע״ אין לעאן קאברינ׳ס
„דער דארפס-יונג״



מ. ש. כאסין
„לייזער בדכן״ אין יעקב גארדינ׳ס
„גאט מענש און טייוול״



מ. דרוי



מ. דרוי
,,מיסטער דריי" אין י. גאטעספעלד'ס
,,גוואלד ווען שטארבט ער"



מ. דרוי
,,טעאדאר נאטוזיוס" אין ארנאלד און באכ'ס
,,אורא א אינגל"



וו. ראטנבערג



וו. ראטנבערג
„טביע׳׳ אין שלום-עליכמ׳ס
„טביה דער מילכיקער׳׳



וו. ראטנבערג
„הערש שנייאורסאן׳׳ אין שלום-עליכמ׳ס
„שווער צו זיין א ייד׳׳

# אונזערע אבודות



י. יאסעט



נ. קראניק

Tartu Riikliku Ülikooli
Raamatukogu



מיטגלידער פון טאַרטוער ייִדישן דראַמאַטישן קרייז פאַר די יאָרן 1917—1937

# פאר די צוואנציק יאר זיינען סך הכל געשטעלט געווארן ביז 100 פארשיידענע פיעסעס, בתיכם:

„די משפחה" — ג. ד. נאמבערג, 3 מאל.
„חסיע די יתומה" — י. גארדין.
„קרייצערס סאנאטע" — י. גארדין.
„די שחיטה" — י. גארדין.
„גאט מענש און טייוול" — י. גארדין.
„דער ווילדער מענטש" — י. גארדין.
„דער מסורף" — י. גארדין.
„מירעלע אפרת" — י. גארדין.
„די געבראכענע הערצער" — י. גארדין.
„דער זינגער פון זיין טרויער" — א. דימאוו, 3 מאל.
„שמע ישראל" — א. דימאוו.
„מיטן שטראם" — ש. אש.
„מאטקע גנב" — ש. אש.
„גאט פון נקמה" — ש. אש.
„א דאקטער" — שלום-עליכם.
„מזל-טוב" — שלום-עליכם, 3 מאל.
„טביה דער מילכיקער" — שלום-עליכם,
צום בענעפיס פון וו. ראטנבערג.

„שווער צו זיין אן ייד" — שלום-עליכם, 3 מאל.
„200 טויזנט" — שלום-עליכם.
„די פוסטע קרעטשמע" — פרץ הירשביין.
„א איבעריקער מענטש" — פרץ הירשביין.
„גרינע פעלדער" — פרץ הירשביין, 2 מאל.
„דאס פארווארפענע ווינקל" — פרץ הירשביין.
„שפיל אין שלאס" — פראנץ מאלנאר, 2 מאל.
„אונטער דריי חופות" — אננא ניקאלס,
צום 15-יאריקן יובל פון מ. ש. כאסין.
„שארלאטע איז א ביסל צודרייט" —
א. שווארץ, 2 מאל.
„טשארלייס טאנטע" - ברענדאן טהאמאס.
„הורא אן אינגל" פון ארלאנד און באך,
2 מאל, בענעפיס פון א. איידלקינד.
„סילווא" — אפערעטע פון קאלמאן.
„מעדי" — אפערעטע פון שטאלץ.
„רומענישע חתונה" — רומשינסקי.
א. אנד.

## א חוץ דעם זיינען דורכגעפירט געווארן מיטן אנטייל פון דראמאטישן קרייז 5 ליטעראריש משפתים איבער:

„מנחם-מענדל" פון שלום-עליכם.
„נאן אלעמען" פון ד. בערגעלסאן.
„באנצע שוויג" פון י. ל. פרץ.
„מתמיד" פון ח. נ. ביאליק.
„שיילאק" פון א. שעקספיר.

רעזשיסירט האבן: י. פאייענסאן.
ד. בעגעוסקי.
ד. ל. שומאקאוו.
מ. ש. כאסין.
וו. ראטנבערג.
מ. דרוי.

אינספיצירט האבן: י. כארבאט.
י. מורשאק.
י. זעלמאנאוויטש.
י. לעווין.

# אין משך פון די צוואנציק יאר, זינט דער עקסיסטענץ פונם דראמאטישן קרייז, האבן אנטייל גענומען די פאלגענדע פערזאנען:

ל. אייואנאווסקי 1921
אר. איידלקינד 1917—1920
א. איידלקינד 1918—1937
ז. איליאנסקאיא 1917
ד. אימעניטאוו 1920—1926
מ. בולקין 1917—1934
י. בלעכמאן 1918—1922
ד. בעגערסקי 1922—1924
ה. בער 1926—1930
ש. גאלדאוו 1922—1934
ר. גאר 1918—1923
ש. גוטין 1918—1937
מ. גירשפעלד 1917
א. גראסמאן 1921—1923
ב. גענש 1920—1930
מ. דרוי 1928—1937
פ. וואלגע 1919—1922

מ. זאק 1918—1922
ג. זאקס 1920—1923
מ. זלאטקין 1923—1933
מ. טרומאן 1919—1924
ק. יאדלאווקער 1921—1923
י. יאקאבסאן 1920—1927
פ. יאקאבסאן 1920—1923
ל. כאזאק 1921—1924
מ. ש. כאסין 1917—1937
א. כאסין 1918—1926
ב. לעווין 1931
ב. מאריין 1924—1926
ז. מורשאק 1934—1935
ג. מיכלסאן 1918—1924
י. מילמאן 1919—1922
ד״ר ב. מירוויץ 1920—1923
מ. וואלד 1917

פ. עפשטיין 1918—1932
ד״ר י. פאיענסאן 1917—1935
ח. פאסאווא 1921—1923
א. פערטעלס 1936—1937
א. צענציפער 1918—1928
ה קאץ 1932—1935
י. קאצעוו 1918—1924
ל. קאצין 1922—1937
א. קאצין 1935—1937
ש. קראפמאן 1920—1922
וו. ראטנבערג 1921—1937
ה. רעזניק 1917—1919
פ. שור 1931—1937
ש. שאיעוויטש 1924—1934
ר. קאפלאן 1919—1922
פ יאסעט 1923—1924
נ. קראניק 1920—1928

## גאסטשפילן זיינען געגעבן געווארן:

### אין טאלין

1. ,,סילווא״ — קאלמאן
2. ,,שפיל אין שלאס״ — פראנץ מאלנאר
3. ,,גרינע פעלדער״ — פרץ הירשביין.
4. ,,פאפריקא״ — א. שווארץ
5. ,,ווער איז דער גנב״ מארק ארנשטיין
פראגמענטן פון ,,טביה דער מילכיקער״
6. ,,דאס אייביקע ליד״ — מארק ארנשטיין
,,מיין ווייב׳ס משוגעת״ מארק ארנשטיין
,,ווען דער טייוול לאכט״ מארק ארנשטיין
7. ,,הורא אן אינגל״ ארנאלד און באך
,,שווער צו זיין א ייד״ — שלום-עליכם
8. ,,די קוואדראטור פון קרייז״ — קאטאיעוו
אויפגעפירט פון דער דראמ. סעקציע ביים
,,ה. נ. ביאליק״ פאריין מיטן אנטייל פון פרל׳
ל. קאצין, פרוי פ. וואלגע און ה׳ מ. ש. כאסין.

### אין נארווא

1. ,,יאשקע מוזיקאנט״ — אסיפ דימאוו
אויפגעפירט פון דער דראמ. סעקציע ביים
,,ה. נ. ביאליק״ פאריין מיטן אנטייל פון
פרל׳ ל. קאצין און מ. ש. כאסין.
2. ,,ווען דער טייוול לאכט״ — מארק ארנשטיין
קאנצערט — פרל, ל. קאצין.
רעציטאציע — ה׳ מ. ש. כאסין.

### אין וואלק

1. ,,ער האנדלט מיט אלץ״ — אווערטשענקא
2. ,,מיין בעבי״ מאריס האנעקען מיטן אנ
טייל פון ה׳ מ. ש. כאסין און א. איידלקינד.

### אין ווערא

1. ,,מיין ווייב׳ס משוגעת״ מארק ארנשטיין
2. ,,די קוואדראטור פון קרייז״ קאטאיעוו.